# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Der Gaystiker Klimat In Der Yidisher Amerike/ The Spiritual Climate in Jewish America


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/5w5021tp



### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)



### Author
Saul Goodman, Shaul Gutman/



### Publication Date
1981



### Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

שאול גוטמאַן / ניו־יאָרק

# דער גייסטיקער קלימאַט אין דער יידישער אַמעריקע

דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב, ווי באַוווּסט, שטעלט מיט זיך פּאָר אַ קיבוץ־גלויות פון פאַרשידענע יידישע שבטים: ספרדישע, דייטשישע, מזרח־אייראָפּעישע און אָריענטאַלישע יידן פון עטלעכע לענדער. עס איז קלאָר פאַר יעדן אָבסערווירער פון דער היגער יידישער סצענע, אַז די דאָזיקע פּלוראַליסטישע יידישע געמיינדע — אין איר רוב פון מזרח־אייראָפּעישן אָפּשטאַם, ווערט מיט יעדער דעקאַדע אַלץ מער אינטעגרירט אין דער אַמעריקאַנער סביבה, און במדרגה נעמט זי איבער פאָרמען, לעבנס־סטילן, גייסטיקע מאָדעס און געוווינהייטן, וואָס דאָמינירן היינט־צו־טאָג אין אַמעריקע.

גלייכצייטיק איז פאַר יעדן וואָס מעסט נישט אַלץ מיט מזרח־אייראָפּעישע קריטעריעס פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע אַקולטוראַציע מיינט נישט אַסימילאַציע, אָדער אונטערגאַנג פון אַמעריקאַנער יידנטום. ניין! יעדער אָפּנייג פון נוסח־אַשכנז, אָדער נוסח ספרד, דאַרף נישט מיט אויפלייזונג, ווי געוויסע ספּעציאַליסטן אָדער פּאַרטיי־אידעאָלאָגן דרשנען. עס זיינען במשך אונדזער געשיכטע געווען פאַרשידענע נוסחאות אין יידישקייט; מעג אויך אויפקומען אַן אַמעריקאַנער נוסח. ווילן מיר זיך דאָ באַקענען מיט צוויי גייסטיקע טענדענצן אין אַמעריקאַנער יידנטום ביים היינטיקן טאָג.

פאַראַן איצט אַ היפּשע צאָל שרייבערס, פאָרשערס, היסטאָריקערס און סאָציאָלאָגן צווישן אַמעריקאַנער ראַביים. איינער פון די אָנגעזעענסטע שריפטשטעלערס און ערודיטן איז ראַבײ העראָלד שולוויס פון קאַליפאָרניע, וועלכער געהערט צו מרדכי קאַפּלאַנס רעקאָנסטרוקציאָניסטישן חדר. האָט ד״ר שולוויס פאַרעפנטלעכט אַן עסיי וווּ ער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן לאַמענטירנדיק אַז עפּעס פעלט אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן, וואָס זאָל שטילן די בענקשאַפטן פון דער יידישער נשמה. ער דערציילט אונדז אין אַ לירישן מאמר אַז דער געוויינלעכער אַמעריקאַנער ייד פילט זיך איינזאַם, און דערפאַר הערן מיר כסדר וועגן שטייגנדיקע גטן, פאַרברעכערישקייט און זעלבסטמאָרדן פון סטודענטן. עס איז נישט גענוג פאַרן היינטיקן ראַביי, טענהט ער, צו ריידן וועגן טעאָלאָגיע, הלכה, מצוות, אָדער פאָלקישקייט; אַנדערע פּערזענלעכע זאַכן באַזאָרגן אַמעריקאַנער יידן: שפּאַנונגען צווישן עלטערן און קינדער, דיסהאַרמאָניעס צווישן מאַן און ווייב, דער טויט פון עלטערן, די פוסטקייט פון זייער לעבן. זייערע דאגות און קלעמענישן באַשטייען דער עיקר פון זייער אינערלעך לעבן, בין אָדם לעצמו, צווישן מענטש און זיך אַליין. אין אַ צייט ווען אַרום אונדז קאָכט אַ רעוואָלוציע אין ווערטן און דערוואַרטונגען; אין אַזאַ צייט האָבן די אַלטע הייליקייטן פון גאָט, תורה און ישׂראל פאַרלאָרן די רעלעוואַנץ פאַר זייער פּערזענלעך לעבן. (זע: „קאָנסערוואַטיוו דזשודאַיזם״, זומער, 1979).

וואָס, פרעגט ער, קען דער ראַביי זיי זאָגן? ער האָט בלויז ענטפערס אויף כלל־ישׂראל ענינים, נישט אויף זייערע יחידישע פּראָבלעמען; דערפאַר מוזן זיי גיין ערגעץ אַנדערש זוכן הילף צו זייערע קלעמענישן. גייען זיי טאַקע ערגעץ אַנדערש: זיי זוכן אויס אַלערליי צונויפטרעף־גרופּעס, טראַנסצענדענטאַלע מעדיטאַציעס, מענטשלעכע פּאָטענציאַלקייט באַוועגונגען, און ענלעכע. די דאָזיקע יידן פון אַ גאַנץ הויכן קאַליבער זיינען אַן אַרויסרוף צו דער סינאַגאָגע, און דעם עטאָס פון יהדות, האַלט דער ראַביי. זיי זאָגן אָן דעם אויפקום פון נייע סעקולערע רעליגיעס; ס׳איז אַ נייער גלויבן וווּ טעאָלאָגישע (איבערנאַטירלעכקייט) ווערט פאַרביטן דורך „פּסיכאָלאָגישער איבערנאַטירלעכקייט.״

לויט ד״ר שולוויס קען די דאָזיקע אויפקומענדיקע פּסיכאָלאָגישע באַוועגונג ווערן אַן ערנסטערע סכנה פאַר יהדות ווי די שמד־פּרוּוון פון קריסטנטום, און אָט צוליב וועלכע טעמים: 1) די סעקולערע רעליגיעס פּרעטענדירן נישט צו

וועלן אָפּשמדן; איז דערפאַר דער שאַנדפלעק פון שמד נישט צוגעקלעפּט צו די „נייע גלויביקע“; 2) מערסטע יידן זיינען אַזוי סעקולאַריזירט אַז באַלאַנגען צו אַזעלכע סעקולערע רעליגיעס שאָקירט קיינעם ניש; 3) ס׳איז מסתמא דאָ אַ געוויסע לעגיטימירונג פאַר די דאָזיקע יידן וועלכע זיינען צופרידן מיטן פאַקט וואָס אַ סך פון די פירערס, דענקערס און אָרגאַניזירערס פון די דאָזיקע באַוועגונגען שטאַמען פון יידן: עריק פראָם, אַברהם מאַסלאָו, פריץ פּערלס און אַנדערע.

הגם די דאָזיקע פּסיכאָ־רעליגיעזע באַוועגונג איז, לויט שולוויסן, רעספּעקטאַבלער, סעקולאַריזירטער, ווי די יוגנט־קעגן־קולטור־עקספּערימענטן — אַנדערש אין סטיל און מאָטיווירונג — פון דעסטוועגן זיינען פאַראַן ענלעכקייטן צווישןביידע שטרעמונגען: זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ טיפע אומצופרידנקייט מיט דער אומפּערזענלעכער, דריקנדיקער געזעלשאַפט, און אַ לעכצן נאָך גייסטיקייט. ביידע גרופּעס פילן זיך דערשטיקט הינטער דער אייזערנער מאַסקע פון ראָלן, אָבליגאַציעס, פליכטן צו געפעלן; אַנדערע; נחת־פּראָדוצירנדיקע מאַשינען פאַר עלטערן, לערערס, בעלי־בתים, אינסטיטוציעס. זיי נייטיקן זיך אויסצודריקן זייער פּערזענלעכקייט אין אַ קאָלעקטיוו וואָס איז אויפמערקזאַם צו זייער „איך“, וואָס ווערט פאַרשלונגען אין דער אַנאָנימקייט פון דעם קאָנווענציאָנעלן ציבור. אָט דאָס זיינען, לויט שולוויסן, די סיבות וואָס באַוועגן זיי צו זוכן אַן אינטימערע געמיינשאַפט.

אַוודאי ווייסט דער ראַביי ווי אָפט זייער ספּאָנטאַנקייט גייט איבער אין אימפּולסיווקייט; אַז זייער פאַרנעמען זיך כסדר מיטן אייגענעם איך ענדיקט זיך מיט היפּאָכאָנדריע. אָבער, באַטאָנט ער, אים גייט נישט אָן דער דערפאָלג אָדער דורכפאַל פון די גרופּעס; אים גייט אָן דער הונגער פון אונדזערע יידן וועלכע די סינאַגאָגעס קענען נישט באַפרידיקן. ער דערמאָנט אברהם העשעל, וועלכער האָט געוואָרנט וועגן די אַלע סכנות: „די תורה רעדט אין דער שפּראַך פון מענטשן, אָבער די חז״ל האָבן פאַרזען דעם מענטשן אין דעם ייד; זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען זיין דילעמע. יעדער דור האָט זיינע אייגענע פּראָבלעמען. יעדער מענטש איז באַלעסטיקט מיט דאגות, אָבער די חז״ל האָבן געשוויגן וועגן דעם; זיי האָבן נישט געוויזן קיין וועג די פאַרבלאָנדזשעטע“.

און דער ראַביי זעצט פאָר, אַז מערסטע יידן זיינען נישט צופרידן מיט דער סינאַגאָגע יידישקייט; זיי זיינען הונגעריק נאָך דער וואַרעמקייט און סימפּאַטיע פון אַנדערע יידן. זיי קומען אַמאָל אין שול אַריין צוליב די קינדער אָדער די זיידעס, אָבער זיי זיינען נישט איבערצייגט אַז ס׳איז דאָ אַ סך חכמה אין די אַלע צערעמאָניאַלע אַקטן. נישט קיין ביכער און נישט קיין קורסן פאַר דערוואַקסענע קענען באַפרידיקן די דאָזיקע יידן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר דעם רוב פון יידישן ציבור. זיי לעכצן נאָך אַן אינטימער, פּערזענלעכער, סימפּאַטישער באַציונג מצד און מיט יידישע מענטשן.

אין זיין אָפנהאַרציקן השתפכות הנפש דערקלערט ד״ר שולוויס אַז ער איז איפערזיכטיק אויף די היינטיקע פּסיכאָלאָגן, ווייל די דאָזיקע סעקולאַריסטן ראַנגלען זיך מיט די גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן פון וואַקסנדיקן איך; זיי דיסקוטירן די נייטיקייט פון גרונט־צוטרוי פון לאָיאַליטעט, פון אידעאָלאָגישע התחייבותן. זיי זיינען די דאָקטוירים פון דער נשמה, בעת ער, דער ראַביי, איז אַ קאָנפעראַנסיע פון מנהגים און צערעמאָניעס, וואָס ווערט פאַרשטופּט אין דער ראָלע פון אַ ריטואַל־פונקציאָנער צוזאַמען מיטן עסנוואַרג־צושטעלער, מיטן פלאָריסט, פאָטאָגראַפיסט, קאַפּעליע־אָנפירער וואָס גיבן די פּסיכאָלאָגן, פרעגט ער, וואָס יידישקייט גיט נישט? זיי פאַרענטפערן פראַגעס פון פּריוואַטן סדר־היום: זיי פּרוּוון באַפרידיקן די זוכונגען פון גייסטיקייט, פון אַן אינטימער געמיינשאַפט, פון זעלבסט־אויסדרוק, ספּאָנטאַנקייט — אַ הונגער וואָס די רעליגיעזע יידישע עדה שטילט נישט.

וואָסער תרופה שלאָגט ער פאָר צו ענדערן די סיטואַציע און צו היילן די מחלה? ער לייגט פאָר צו אַנטוויקלען אַ ליטעראַטור פון יידישער חכמה וואָס איז געווענדט צו פּערזענלעכע און פאַמיליע לעבנססיטואַציעס; אַזעלכע ווי: סעקסואַליטעט,

צעשיידונג פון מאַן און פרוי, אַלטקייט, קראַנקייט און טויט, און דאָס זוכן אַ זין אין לעבן. ער האַלט אויך אַז מ׳דאַרף טרענירן פאַראַ־פּראָפעסיאָנאַלן פון יידישקייט, ס׳הייסט אינטעליגענטע, נישט־פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס זאָלן אַרויסהעלפן דעם ראַביי, פּונקט ווי עס זיינען דאָ פאַראַ־מעדיצינישע, פאַראַ־לעגאַלע, און פאַראַ־פּסיכאָלאָגישע אַרויסהעלפערס.

עס קען נישט זיין קיין ספק אַז ד״ר שולוויסעס דיאַגנאָז פון דער אומצופרידנקייט מצד אַ היפּשן יידישן עולם מיט דעם אינהאַלט פון דער סינאַגאָגע־יידישקייט איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר קאַליפאָרניע, נאָר פאַר דער גאַנצער מערב־וועלט ווו יידן לעבן. אין דעם קאַליפאָרניער ראַביס לירישן עסייערן מיר אָפּקלאַנגען פון מאַרטין בובער, אַברהם העשעל, און אַנדערע מיסטיש־אָנגעהויכטע יידישע דענקערס. יענע מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק טיפער אַריינגעקוקט אין די סיבות פון דער דאָזיקער מחלה, און האָבן געמאָנט אַ רעמאָנט, אַן איבערבוי פון דער שיער נישט גאַנצער מערב־ציוויליזאַציע, און אויך פון אַ ריי גרונט־איינשטעלונגען פון דער יידישער עסטאַבלישמענט. ראַביי שולוויס ווייסט אַז דער קריזיס אין דער סינאַגאָגע־יידישקייט וואָרצלט אין דעם איצטיקן גייסטיקן וועלט־קריזיס, אָבער ער באַנוגנט זיך מיט פאָרלייגן פּאַליאַטיוון, וואָס וועלן אפשר אַביסל לינדערן די מחלה, אָבער נישט אויפריכטן די דערשלאָגענע.

אויך די ליבעראַלע, פּראָטעסטאַנטישע קירכעס קלאָגן אויף ענלעכע חולאתן. לויט אַן אויספאָרשונג וואָס איז לעצטנס דורכגעפירט געוואָרן צווישן פּראָטעסטאַנטן, קאַטאָליקן און רעפאָרם־יידן וויל מען אַז גלחים און ראַביס זאָלן דער עיקר פאַרמאָגן אַפּעלירנדיקע פערזענלעכע אייגנשאַפטן, נישט קיין לומדות אין טעאָלאָגיע, אָדער עולם־הבאדיקע ענינים. מען פאַרלאַנגט אַז די גייסטיקע פּאַסטעכער זאָלן קודם כל זיין אָפן, אַליין־קריטיש, געדולדיק, זיך מתעסק זיין מיט קהלישע ענינים, און זאָלן זיין מוסטערהאַפט אין כאַראַקטער. זייער פרומקייט אָדער טיפקייט פון רעליגיעזן גלויבן איז פון קנאַפּער וויכטיקייט (זע „טיים״ 29טן סעפּט., 1980); און אַזוי ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך.

אין אַ צייט ווען עס קאָכט זיך אין דער גאַנצער מערב־ציוויליזאַציע אַ רעוואָלוציע אין ווערטן און דערוואַרטונגען, ווי ד״ר שולוויס זאָגט ריכטיק, ווען די אַלטע הייליקייטן זיינען מער נישט רעלעוואַנט, צי וועלן מיר יידן בייקומען דדעם קריזיס מיט דער הילף פון פאַראַ־פּראָפעסיאָנאַלן? און צי וועלן די אַלע וואָס ראַנגלען זיך מיט דעם קריזיס זיך צופרידנשטעלן מיט די ענטפערס פון טעאָלאָגן אויף זייערע קשיות און אבעיות? צי קען די סינאַגאָגע מיט אירע פאַרטיקע ענטפערס אויף אַלע לעבנס־פראַגעס געווינען און איבערצייגן די דאָזיקע זוכערס און צווייפלערס?

## II

און דאָס ברענגט אונדז צו אַן אַנדער גרופּע אומצופרידענע: די קולטור־באַוועגונג וואָס דריקט אויס אויף אַן אַנדער אופן איר קעגנערשאַפט צום גייסטיקן סטאַטוס־קוואָ — די קעגן־קולטור־שטרעמונג ביי דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט און אינטעלעקטואַלן. דער אַמעריקאַנער יידישער דיכטער און עסייאיסט, עדוואַרד ראָדיטי, באַהאַנדלט די דאָזיקע ריכטונג אין אַן אַרומנעמעניקער אַרבעט: „די נעאָ קבלה און דער אַמעריקאַנער יידישער קעגן־קולטור״—אַן ענין וואָס ס׳איז כדאי אַז אויך אַנטי־קעגן־קולטוריסטן זאָלן זיך מיט אים באַקענען (זע: „מידסטרים״, אָקטאָבער, 1979).

ראָדיטי שטרייכט אונטער דעם פאַקט אַז די קינסטלערישע און אינטעלעקטועלע קעגן־קולטור פון די לעצטע דעקאַדעס האָט צוריק אויפגעלעבט וואָס מען האָט כמעט געהאַט פאַרגעסן, אָדער אָפּגעוואָרפן ווי אומוויכטיק, אָדער אפיקורסיש פון שטאַנדפּונקט פון דער אַקצעפּטירטער טראַדיציע. אין פּאָעזיע, למשל, ווערן די דיכטער: בלייק, רעמבאָ, לאָטרעמאָן, איצט מער געלייענט און דיסקוטירט, אין די אַזוי־גערופענע אַוואַנגאַרד־קרייזן ווי האָמער, ווירגיל, דאַנטע און מילטאָן. אין דער פילאָסאָפיע ווידער ווערן עקזאָטישע בודיסטישע מיסטיקער באַטראַכט מצד אַ סך מענטשן מער רעלעוואַנט פאַר אונדזער

הייַנטיקער סיטואַציע ווי דעקאַרט, וויליאַם דזשיימס, אָדער דיואי.

אין זייערע זוכונגען אין ווייטן עבר, איז די „אונטערגרונט"-אינטעלעקטואַלן געווען באַשערט ווידער צו אַנטדעקן ניט בלויז אַזיאַטישע, אַפריקאַנישע, אָדער אַנדערע עקזאָטישע רעליגיעזע שיטות, נאָר אויך די פּעריפערישע שטרעמונגען פון מערב-פילאָסאָפישן, אָדער רעליגיעזן געדאַנק, ווי גנאָסטיציזם, סאַטאַניזם, מיסטיציזם, וואָס זייַנען געווען פאַרנאַכלעסיקט זינט דער רענעסאַנס-צייט. אויך אין דער הייַנטיקער יהדות, ווייַזט ריכטיק אָן ראָדיטי, קען מען באַמערקן אַן אָפּנויג פון ראַציאָנאַליזם און תלמודישן געדאַנק אין דער ריכטונג פון חסידות, קבלה און אַנדערע מיסטישע אופנים פון מחשבה און לעבן, וואָס מען האָט במשך יאָרהונדערטער אַנטמוטיקט, אָדער באַטראַכט ווי געפערלעך, אַחוץ פאַר יחידי-סגולה. די וואַקסנדיקע פּאָפּולאַריטעט פון מאַרטין בובערס און גרשום שלומס ווערק, פּונקט ווי די בעלעטריסטיק פון באַשעוויס-זינגער — דאָס זייַנען אַלץ סימפּטאָמען פון אינטערעס און אויפלעבונג אין דעם סאָרט ליטעראַטור במשך די לעצטע צענדליקער יאָרן.

אין אַמעריקע איז די דאָזיקע טענדענץ געווען באַגרענעצט צו אַ שיכט יונגע יידן וועלכע זייַנען געווען אומצופרידן מיט דער רעספּעקטאַבעלער, געלט-קלייבנדיקער יידישקייט. אין אייראָפּע איז אויפגעקומען אַן אַנדער פאָרם פון רעוואָלט קעגן דעם מיטלקלאַס-יידישן טראַדיציאָנאַליזם. די פראַנצויזיש-יידישע פּרעסע האָט געשאַפן אַן אויסדריק פאַר דער באַוועגונג — אַ טענדענץ קעגן „פּאַפּאַס יידישקייט". ביז דעם נאַציזם האָבן פראַנצויזישע יידן אָפּגעוואָרפן ציוניזם, קבלה און חסידות; איצט זייַנען די אַלע שיטות אויפגעשטאַנען צום לעבן אין פראַנקרייך.

ביי אונדז אין אַמעריקע ווערט אַמשטאַרקסטן מאַניפעסטירט דער אויפגעלעבטער אינטערעס אין קבלה און חסידות, אין קאַליפאָרניע, ווו עס ווערן פאַרעפנטלעכט זשורנאַלן און ביכער מצד עטלעכע גרופּעס יונגע אַמעריקאַנער יידישע פּאָעטן, ווי דזשעראָם ראָטענבערג, דור מעלצער, האָוואַרד שוואַרץ, דזשעק הירשמאַן און פּאַמעלאַ האַדאַס. זיי גרופּירן זיך אַרום אַ שריפט „טרי" (בוים), וואָס דערשיינט אין בערקלי, קאַליפאָרניע. אויך אין סט. לואיס (מיזורי) און לאָנדאָן עקזיסטירן אַזעלכע גרופּעס.

דער נעאָ-קאַבאַליזם פון דער קאַליפאָרניער גרופּע איז, לויט ראָדיטין, אַ ספּעציפישער יידישער אויסדרוק פון אַן אַלגעמיינער טענדענץ צווישן אַמעריקאַנער קינסטלערס און אינטעלעקטואַלן וואָס מקען אויך זען אין דער ביטניק באַוועגונג, אין ראָק-מוזיק, אין דער פאַרשפּרייטונג פון זען-בודיזם — אין אַלע פאָרמען פון רעוואָלט קעגן דעם וואָס פרוידיאַנער וואָלטן אָנגערופן דעם „סופּער-עגאָ" (דער טייל פון פּסיכישן אַפּאַראַט וואָס איז שייך צום געוויסן), און „עגאָ" (דער טייל פון פּסיכישן אַפּאַראַט וואָס איז אין קאָנטאַקט מיט דער סביבה, און פאַרמיטלט צווישן דעם „איד", און „סופּער-עגאָ"); און לטובת די טונקעלע און מיסטעריעזע טרייב-כוחות, און אינהאַלטן פון „איד" (דער טייל פון פּסיכישן אַפּאַראַט וואָס אַנטהאַלט די אומבאַוווסטזיניקע, אינסטינקטיווע טרייב-קרעפטן).

אין זשורנאַל פון די דאָזיקע נעאָ-קאַבאַליסטן ווערן איבערגעדרוקט אויסצוגן פון גרשום שלומס איבערזעצונגען פון די מיטלאַלטערלעכע מקובלים, אַבולאַפיאַ (1241-1291), אָדער פּילאָן. אַ סך פון זיי זייַנען גרופּירט אין נישט-פאָרמעלע לערן-גרופּעס אַרום ניו-יאָרקס איסט ווילעדזש, און אין קאַליפאָרניע; אייניקע גרופּעס שטודירן און קאָנצענטרירן זיך אויף דער ספרדישער קבלה פון מיטלאַלטער. עס קען אפשר געשען, מיינט ראָדיטי, אַז אַ טייל פון די דאָזיקע נעאָ-קאַבאַליסטן זאָלן מיט דער צייט דערגייין צו די הויפּט-שטראָמען פון יהדות, אָבער ביז דעמאָלט בייטיקן זיי זיך אין אינטעלעקטועלער פירערשאַפט, ווייל זיי מיסאינטערפּרעטירן זייערע כלומרשטע אַנטדעקונגען; זיי פאַרקריפּלען נעמען און ציטאַטן, און אפילו סתם ווערטער, ווי למשל, אַנשטאָט גמטריה זאָגן זיי געריאַטריע, אָדער איינער פון זייערע פּאָעטן פאַרמישט משה רבינו מיט דוד המלך.

פון דעסטוועגן, פירט דער מחבר פון דער אָפּהאַנדלונג אויס, נישט געקוקט

אויף די בלאָנדזשענישן פון די נעאָ־קאַבאַליסטן, דאַרף מען זיי באַגריסן פאַר זייער צוריקקער צו די פּאָעטישע, אינטואיטיווע, אָדער מיסטישע צוגאַנגען וועלכע זיינען פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, ווייל מיר האָבן צופיל באַטאָנט ראַציאָנאַליסטישע אָדער פּראַגמאַטישע איינשטעלונגען צו אַלע פּראָבלעמען. אָבער דער אומקער, שטרייכט ראַדיטי אונטער, דאַרף נישט אונטערגענומען ווערן אויף אַן „אָדער־אָדער" ־ יסוד; פאַרקערט: מען דאַרף עס נעמען אויף אַן „און" ־ יסוד, אַזוי אַז עס זאָל זיין אַ דערגענצונג־איינשטעל צו די היינט־צייטיקע פּראָבלעמען.

* * * * *

פון די ביידע אָפּהאַנדלונגען—פון ראַביי און דעם עסייאיסט — איז קלאָר אַז אי די קאָנסערוואַטיווע יידישקייט, אי דער ראַציאָנאַליזם באַפרידיקן נישט די גייסטיקע נויטן פון אַ היפּשן סעקטאָר אין אַמעריקאַנער יידנטום. מענטשן מיט אַ התלהבות־געפיל, ביי וועמען גלויבן איז אַ האַרץ־באַדערפעניש, נישט קיין שכל־פּראָבלעם, פאַר די דאָזיקע עמאָציאָנעלע נאַטורן, פאַר זיי איז צו קאַלט און טרוקן די שכלדיקייט פון די ראַציאָנאַליסטישע טעאָלאָגן; זיי קענען נישט באַפרידיקן די בענקשאַפטן פון האַרץ. ווי פּאַסקאַל האָט דאָס אַמאָל גלענצנדיק פאָרמולירט: דאָס האַרץ האָט זיך זיין שכל, וואָס דער שכל קען נישט פאַרשטיין.

אויף די קאָנסערוואַטיווע שיטה אין אַמעריקאַנער יידישקייט, ספּעציעל איר רעקאָנסטרוקציאָניסטישער וואַריאַנט, איז אַ מתנגדיש־ראַציאָנאַליסטישע אָריענטאַציע באַוירט אויף אַ סאָציאָלאָגיש־פּראַגמאַטישן צוגאַנג וואָס באַטאָנט דער עיקר דעם יידישן קאָלעקטיוו און זיינע בויטן. לויט דעם איינשטעל ליגט דער זכות־הקיום פון רעליגיע און איר הויפּט־פונקציע אין קאָנסאָלידירן די גרופּע און פאַרפעסטיקן איר קיום. דער יחידיש־אוניווערסאַליסטישער עלעמענט אין דער יהדות ווערט דאָ מינימיזירט.

דער אַנטי־ראַציאָנאַליסטישער קלימאַט פון אונדזער צייט — אַ צייט פון רעוויזיע, פון באַרג־אַראָפּ פון אידעאָלאָגיעס מיט זייערע טאָטאַלע לייזונגען, אַ צייט פון אַנטוישונג אין אַלע צוגעזאָגטע גן־עדנס — אין דעם דאָזיקן גייסטיקן קלימאַט זוכן אַ סך מענטשן, און קודם כל יידן — ענטפערס אויף זייערע פּערזענלעכע פּראָבלעמען. ס'איז אַ צייט ווען עס בייטן זיך קולטור־סטילן און אַלטע ווערטן ווערן פאַרוואָרפן; ווען ביי אַ סך מענטשן, ספּעציעל ביי דער יוגנט, דאָמינירט דער פּרינציפּ פון אַליין רעאַליזירונג, אָדער אַליין־באַפרידיקונג; מען זוכט ענטפערס אויף אולטימע פראַגעס, אַ זין זין לעבן. אפשר וועט זיך מיט דער צייט אויסלייטערן אַ נייע אַטמאָספער וואָס וועט סינטעזירן טראַדיציאָנעלע ווערטן און מאָדערנקייט, מיסטישע און ראַציאָנאַליסטישע איינשטעלונגען. אָדער... מיר וועלן שלום מאַכן מיט די אומלייזבאַרע פּראָבלעמען אין יחידס עקזיסטענץ.


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

**בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:**

**G. FRYDMAN**

פאַרוואַלטונג „חשבון" Phone: 655-1292

337½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

לייזער טרייסטער

# דער רייזנדיקער פאָטער

(דערציילונג)

1.

אָנגעטאָן אין אַ גרוי־קאַראַקולענעם מאַנטל, מיט ווייסע הענטשקעס אויף די הענט, איז די שכלדיק־געזעצטע בלענטש, אַ טעמפּל־טוערין, מיט אַן איידעלן פּנים, געשטאַנען אין קאָרידאָר ביים אַרויסגאַנג פון דער היים און האָט געוואַרט אויף איר מאַן צו גיין מיט אים צום ראַביי אין הויז.

דער מאַן — מילטאָן בערקאָוויץ, הויך, פון אַ יאָר 45, מיט אַ נאָבעלן אויסקוק — איז געווען דער פּרעזידענט פון טעמפּל. ער איז געשטאַנען אין עסצימער, אָנגעטאָן אין אַ העלן ווינטער־מאַנטל, אויפן קאָפּ — אַ שוואַרצער קאַפּעליוש, און האָט, ווי אין געאייל אָפּצופאָרן אין וועג אַריין, געקוקט אויף זיינע צוויי קינדער, אידיט און דייוויד, וואָס האָבן מיט פאַרכלינעטער ליבשאַפט אַרויסגעשטאַמלט זייערע געפילן צו אים.

אידיט, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, איז געווען 10; און דייוויד, מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע און קלוג־דורכשטראַלנדיקע שוואַרצע אויגן, האָט נאָך געהאַט אַ יאָר צו זיין בר־מצוה. ביידע זענען געשטאַנען ביים טיש, וווּ נישט לאַנג צוריק האָבן זיי צוזאַמען מיטן פאָטער און דער מוטער פאַרענדיקט דאָס פרייטיק־צונאַכטיקע מאָלצייט, דערנאָך האָבן זיי געהאַט צונויפגעקליבן די טעלערס אויף אַריינצוטראָגן אין דער קיך און צעוואַשן זיי. דערזען דעם פאָטער אַרויסקומען פון שלאָפצימער, גרייט אַוועקצוגיין, האָבן זיי אים פאַרהאַלטן און גענומען רעדן צו אים ווי צו אַ זעלטן־ליבן גאַסט.

— ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן, דעד, צו זיצן און עסן צוזאַמען מיט דיר ביים טיש. — האָט אידיט, אַ גוטיטשקע, מיט שעמעוודיקייט און פרייד אין איר יונג שטימעלע, געצערטלט דעם פאָטער מיט אירע רייד. — פאָר נישט אַוועק אַזוי אָפט פון דער היים איבער ביזנעס.

מילטאָן בערקאָוויץ האָט געשמייכלט אונטער די וואָנצעס און געגלעט זי אויפן קאָפּ: — כ'מוז, אידיט טייערע. כ'מוז צוקריגן נייע קויף־פּלעצער פאַר מיין געשעפט.

אידיט איז שטיל געוואָרן און האָט געטראַכט צו זאָגן נאָך עפּעס. געזען די שוועסטער שווייגט, האָט דייוויד אויסגענוצט די געלעגנהייט און געזאָגט מיט אומעט:

— איז פאַרוואָס, דעד, גייסטו אַצינד אַוועק מיט דער מאַמען צום ראַביי? אַז דו ביסט שוין אין דער היים, איין מאָל אין אַ סך וואָכן, איז פאַרברענג מיט אונדז. אָן דיר איז שווער צו זיין אין הויז.

ווי ער וואָלט געהאַלטן אין שליסן אַן אויסגעצייכנטן משא־ומתן מיט אַ צוטרוילעכן געשעפטסמאַן, האָט מילטאָן געשמייכלט אויך צום זון:

— כ'בין דאָך פּרעזידענט פון טעמפּל, דייוויד... — האָט ער זיך פאַרענטפערט מיט אויסדריקלעכן ערנסט. — דער ראַביי וויל זיך דורכרעדן מיט מיר וועגן דרינגלעכע טעטיקייטן אין טעמפּל.

צוגעהערט זיך צום מאַנס ענפערס בעתן שטיין אין קאָרידאָר און וואַרטן אויף אים, האָט די איידעלע בלענטש דערפילט אַ קלעמעניש אַרום איר בוזעם. זיין ענטפער דער טאָכטער און דעם זון איז געווען דער היפוך פון אמתן. די ריינע וואָר איז אַז דאָס וואָס ער קומט אָפט נישט אַהיים, אפילו נישט פרייטיק־צונאַכט, האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט קיין געשעפטן ווייט אַוועק פון שטאָט. און דער איצטיקער וויזיט, וואָס זי גייט אָפּשטאַטן מיט אים ביים ראַביי, האָט קיין פאַרבינדונג נישט מיט וועלכע ס'איז דרינגלעכע טעטיקייטן אין טעמפּל. אַלץ איז שוואָ־ושקר. דער אמת הינטער אַלעס איז אַן אַנדערער.

שוין אַ היפּש ביסל חדשים ווי אין דער שטיל, אָן די קינדערס וויסן, האָבן זיי זיך אַרומגעריסן ביי די קעפּ, זי און דער מאַן. דורכן טאָג, אין וואָכנטאָג, איז געווען רויִק. ער איז אַוועק צו זיין געשעפט —

און זי איז געבליבן אין הויז אַליין, נאָכדעם ווי די קינדער האָבן זיך פאַרנומען אין „סקול“ אַריין. אָבער נאָך זון־פאַרגאַנג, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין הויז, האָבן זיך די אַרומרייסענישן אויפסניי אָנגעהויבן. די לעצטע עטלעכע וואָכן איז ער אָבער שוין גאָר ווייניק געקומען אַהיים. פאַר די קינדער האָט עס געהייסן אַז דער פאָטער איז אַוועקגעפאָרן פון שטאָט וועגן געשעפטלעכע משא־ומתנס. אָבער ווי לאַנג האָט זי, די מוטער, געקאָנט אַזוי אָנגיין און אים באַשיצן? מיט דער צייט האָבן אידיט און דייוויד אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן. פאַרוואָס איז דער פאָטער אַזוי אָפט אַוועק? — האָבן זיי געפרעגט. — דאָס איז דאָך פריער נישט געשען מיט אים? ער האָט אַלע מאָל געהאַט, און ער האָט אויך איצט, באַצאָלטע מענטשן וואָס פאָרן אַרום און נעמען באַשטעלונגען. איז פאַרוואָס מוז ער לעצטנס אַליין זיך באַשעפטיקן דערמיט.

ס׳איז דערגאַנגען צו אַזאַ מעמד, אַז נישט בלויז זי, די מוטער, איז געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט איבער דעם קינדס חשד נאָר ער זעלבסט, דער פאָטער.

ענדלעך האָט זי דעם מאַן צוגערעדט צו האָבן אַ שמועס מיט דעם ראַביי. זאָלן זיי אַלץ אַרויסברענגען פאַר אים. זיי דאַרפן זיך נישט אָפהאַלטן דערפון איבער בושה. שכנים און אַנדערע לייט באַהאַלטן אויך גאָרנישט. ס׳איז נישט מער אַזוי ווי אין די אַלטע צייטן. היינט איז נישט קיין חרפה צו וואַשן אייגענע קויטיקע וועש אין דער עפנטלעכקייט. דערצו וועט דער ראַביי נישט קוקן קרום אויף זיי. ער איז נישט שטרענג אָרטאָדאָקסיש און נישט אַוועקקוקנדיק־רעפאָרם. ער איז טראַדיציאָנעל אָבער היינט־וועלטיש. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער פאַרענדיקט אויף דאָקטאָר־פסיכאָלאָג. ביי דער גראַדואיר־פייערונג, וואָס זיי, די בערקאָוויצעס, האָבן בייגעווינט, האָבן זיי מיט זייערע אייגענע אויערן געהערט ווי דער הויפט פון דער פסיכאָלאָגיע דערפאַרטמענט האָט דעם ראַביי געלויבט אין הימל אַריין בעתן דערלאַנגען אים דעם דיפלאָם מיטן דאָקטער־טיטל. אויך טעמפל־קאָנגרעגאַנטן וואָס זיינען געגאַנגען צו אים מיט זייערע פריוואַטע צרות, האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט אָפלויבן פון אים. אַוודאי איז פאַראַן אַ שפאָר ביסל קעגנערס. אָבער דאָס איז דאָך צו דערוואַרטן אַרום יעדן וויכטיקן מענטש. נו, האָט זי, בלענטש, מיט עטלעכע טעג צוריק געהאַט אַ שמועס מיטן ראַביי, דערנאָך אָנטעלעפאָנירט דעם מאַן אין אָפיס אַריין צו קומען אַהיים היינט אָוונט — און איצט גייען זיי באַגעגענען דעם ראַביי אין זיין הויז.

אָבער ווי קאָן זי אָפהאַלטן דעם מאַן פון אָפנאַרן די קינדער מיט פאַרבלענדנדיקע תירוצים פאַר זיין נישט ווייזן זיך אָפטער אין דער היים, און פאַר זיין גיין איצט צום ראַביי אין הויז? זי וויל דאָך, ווי ווייט מעגלעך, האַלטן אַלץ בסוד פון אידיטן און דייווידן. ס׳וואָלט, אָן ספק, צעשניטן איר האַרץ, ווען זייער איינגעגלייבטע זיכערקייט אין דעם שלום־בית צווישן די עלטערן וואָלט צעשטערט געוואָרן.

ענדלעך האָט מילטאָן בערקאָוויץ אין עסצימער פאַרענדיקט געבן די קינדער זיינע תשובות און גענומען נאָכפאָלגן דער פרוי.

געעפנט די טיר האָט די רעביצין רעבעקאַ. זי איז געווען אַ בלאָנדע, אָנגעטאָן אין אַ ווייסער בלוזקע, אין שוואַרץ־פליושענע הויזן, און האָט שמייכלענדיק אויפגענומען די צוויי חשובע טעמפל־פירערס מיט אַן ענטוזיאַסטישן קבלת־פנים:

קומט אַריין, בלענטש, קומט אַריין, מילטאָן! — האָט זי ביידן אָנגערופן ביי די ערשטע נעמען. — מיר האָבן טיי. כ׳זע אייערע פנימער זיינען רויט ווי פייע׳ פון דעם פראָסט אין דרויסן.

הינטער דער שלאַנקער רביצין האָט זיך באַוויזן דער ראַביי. ער איז געווען הויך, פון אַ יאָר 50, מיט אַ גרוילעדשוואַרץ דין בערדל אַרום זיין מאָגער פנים און מיט תמיד־גאַפנדיקע ברוינע אויגן. ער איז געשטאַנען אין שבתדיק־ליכטיקן שיין מעבלירטן גאַסט־צימער, מיט די הענט פאַרלייגט אויף דער פאָדערשטער שורה קנעפלעך פון זיין רעקל, און האָט געשמייכלט צו די געהויבענע טעמפל־לייט:

— אויב כ'מעג בייטן מיין רעבעקאַס אָנבאָט — האָט ער געזאָגט — זאָלן מיר די טיי לאָזן אויף שפּעטער. צוערשט וועלן מיר אַריינגיין אין מיין ביבליאָטעק־צימער און זיך דורכרעדן. דערנאָך וועלן מיר קאָנען געמיטלעך זיצן ביים טיש און פאַרברענגען.

בלענטש האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ נאָך איידער דער מאַן אירער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן:

— זייער ריכטיק, ראַבּיי.

די רביצין האָט לאַכנדיק געקוקט דאָ אויף בלענטשן, דאָ אויף מילטאָנען, און נאָכגעגעבן:

— זאָל זיין ווי ס'איז דעם ראַבּייס רצון. דערווייל וועל איך אַראָפּראַמען אַלץ פון טיש. מיר האָבן נאָר־וואָס פאַרענדיקט דאָס שבת־מאָלצייט.

דער ראַבּיי האָט אומגערן זיך צוגע־הערט צו זיין פרויס נישט־נייטיקער דערקלערונג נאָכדעם געפירט די געהויבענע לייט צום ביבליאָטעק־צימער.

קיין גרויס חשק צו הערן די טענות פון די חשובע מאַן און ווייב האָט ער נישט געהאַט. מיט געוויינלעכע קאָנגרעגאַנטן פון טעמפּל האָט ער גערן צו פאַרנעמען זיך. אָבער נישט מיטן טעמפּל־פּרעזידענט און זיין פרוי. די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן אים און זיי זענען געווען זייער נאָענטע. ער האָט צו זיי אַ געפיל ווי צו אַן איבערגעגעבענעם ברודער און האַרציקער שוועסטער. אָפט איז ער מיט דער רביצין געקומען צו די בערקאָוויצעס אין הויז, און זיי צו אים. ביידע מישפּחות זענען צוזאַמען געפאָרן אויף וואַקאַציעס אין האָטעלן, אויך צו קאָנפערענצן — רבנישע און ציוניסטישע. פּשוט, זיי האָבן זיך צונויפגעלעבט ווי איבערגעגעבענע קרובים. אָבער פּלוצעם — אַ גיהנום אין די באַציונגען צווישן די בערקאָוויצעס. איז ווי קאָן ער הערן וועגן דעם חורבן? אַז די ליבע בלענטש האָט אים מיט עטלעכע טעג צוריק טעלעפאָנירט וועגן דער איבערקערעניש אין איר הויז, האָט ער איר געראָטן צו גיין מיטן מאַן צו אַ ביוראָ פאַר פּראָבלעמען צווישן חתונה־געהאַטע פּאָרפעלקער, אָדער צו אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער. ער אַליין וויל נישט ווערן, דירעקט צי אומדירעקט, קיין צד ביי אַזאַ דעליקאַטן ענין. האָט זי נישט געוואָלט הערן דערפון. — איך האָב צוטרוי נאָך צו אייך, ראַבּיי — האָט זי מיט צעבראָכנקייט אין קול געענטפערט. — און אויך אַזוי מילטאָן. ער פאַרלאָזט זיך בלויז אויף אייך. כ'האָב שוין גערעדט מיט אים.

און אַזוי איז עס געבליבן. אָבער איין גאָט אין הימל ווייסט ווי ער, דער ראַבּיי, פילט זיך אין האַרצן וועגן דעם.

אַריינגעקומען אין ביבליאָטעק־צימער, וואָס איז געווען היפּש גרויס און ביי אַלע ווענט זיינען געשטאַנען גלעזערנע שאַפעס מיט ספרים, מיט ביכער אין העברעיש און ענגליש, האָט דער ראַבּיי זיך געזעצט ביים לאַנגן דעמבענעם שרייבטיש און אָנגעוויזן די אויסנעמלעכע פריינד אויף לעדער־באַצויגענע שטולן אַקעגנאיבער אים:

— מאַכט זיך באַקוועם.

מילטאָן און בלענטש האָבן אַראָפּגענומען פון זיך די אייבערשטע ווינטער־מלבושים, אויפגעהאָנגען זיי אויף אַ קליידער־געשטעל וואָס אין אַ ווינקל, און זיך געזעצט קעגנאיבער דעם ראַבּיי.

— נו — האָט דער ראַבּיי אַ זאָג געטאָן צו זיינע פריינד — ווער פון אייך וויל אָנהייבן איבערגעבן וועגן דעם מעמד?

מילטאָן האָט אַ קוק געטאָן אויף בלענטשן און געברומט צום ראַבּיי:

— זי...

בלענטש האָט עס אָנגעהויבן באהבה און מיט אַ טריב געמיט, אָפט אויך מיט אַ סאַפּעניש, געגנוי אַלע פּרטים.

טייל פון דעם וואָס זי האָט איבערגעגעבן איז דעם ראַבּיי שוין געווען באַקאַנט פון איר מיטטייל מיט עטלעכע טעג צוריק. אָבער דאָס וואָס זי האָט איצט צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט איז פאַר אים געווען ממש אַ נישט־גלייבלעכע אַנטפּלעקונג.

— איך קען די פרוי... — האָט בלענטש מיט דערשלאָגנקייט געזאָגט: — ראַבּיי, זי איז אַן אייגנטימערין פון אַ געשעפט. זי איז יונגער פון מיר מיט אַ צען יאָר. זי קויפט קליידער ביי מיין מאַן אין שאַפּ. זי איז אַן אַלמנה, אָן קינדער. און ביי איר איז הויז פאַרברענגט מילטאָן מער ווי אין זיין אייגענער היים. מיט עטלעכע חדשים

צוריק האָט ער אָנגעהויבן אַהיימקומען צווי אָדער דריי מאָל אַ וואָך. אָבער לעצטנס איז ער די מערסטע צייט ביי איר.

דער ראַביי האָט אַרויפגעטאָן די הענט אויפן שרייבטיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט גאָלד־געליישטן לעדער אַרום די זוימען, אַריינגעטאָן די פינגער איינע אין די אַנדערע און אָנגעשפּיליעט זיינע גאַפּנדיקע ברוינע אויגן אויפן טעמפּל־פּרעזידענט:

— איז וואָס האָט איר צו זאָגן מכוח דעם, פריינד מילטאָן? — האָט ער מיט דערשלאָגנקייט אין קול געפרעגט.

מילטאָן האָט זיך אַ הייב געטאָן פון דער שטול, ווי ס'וואָלט אים געווען אומבאַקוועם צו זיצן אַ לאַנגע צייט אויף איין אָרט און צוריקגעזעצט זיך:

— ס'איז אמת, ראַביי מילשטיין — האָט ער, אַן דעם מינדסטן יישוב הדעת אַ ברום געטאָן. — בלענטש האָט אַלץ ערלעך איבערגעגעבן.

דעם ראַביי איז אַדורך אַ שוידער איבערן לייב. טאַקע אמת? ער איז זיך מודה אין אַלעס? דאָס האָט ער נישט דערוואַרט. געוויינלעך געשעעט מיט פאַרפעלקער וואָס קומען צו אים וועגן זייערע סיכסוכים, אַז וואָס איין צד זאָגט, לייקנט עס אָפּ דער צווייטער צד. מיט אַזעלכע לייט האָט ער לאַנגע און פאַרמאַטערנדיקע סעסיעס. ער פּרובירט אַרויסקריגן דעם אמת. דאָ איז אָבער אין גאַנצן אַנדערש. דער טעמפּל־פּרעזידענט פאַרלייקנט גאָרנישט. ער זעט נאָר אויס באַעוולט פון זיין פרוי וואָס זי איז פאַרביטערט און קלאָגט אים אָן איבער זיין אויפפירן זיך.

— הייסט עס — זאָגט דער ראַביי מילשטיין צום טעמפּל־פּרעזידענט — אַז איר דערווידערט נישט וואָס פריינדין בלענטש האָט איבערגעגעבן.

— ניין! — האָט מילטאָן אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אין דער ברייט.

— און אַז איר דערווידערט נישט, פריינד מילטאָן, אויבוויל איר האָט גאָר נישט געטאָן אויפצופירן זיך אַנדערש, מיינט עס דאָך אַז איר באַרעכטיקט זיך אַזאַ התנהגות, האַ?

— ניין, ראַביי מילשטיין — האָט מילטאָן ווידער אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אין דער ברייט. — איך באַרעכטיק עס נישט.

— ניין? — איז דער ראַביי איבערראַשט געוואָרן. — איז פאַרוואָס טוט איר עס

— ווייל איך מוז.

— איר מוזט? פאַרוואָס מ ו ז ט איר?

מילטאָן האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן, נאָך דעם געוואָרן דרייסט און געמוטלט:

— ווייל כ'בין באַגוועלטיקט פון דער צווייטער פרוי.

— באַגוועלטיקט? — האָט דער ראַביי מיט פאַרגאַפטער אומגלייבלעכקייט געפרעגט. — איר קאָנט זיך נישט שיידן פון איר?

— ניין.

— און די ליידן וואָס איר זענט גורם אייער פרוי?

— ס'טוט מיר ווי... איר מעגט מיר גלייבן, ראַביי.

— און די קינדער? אַז זיי וועלן סוף־כל־סוף זיך דערוויסן דעם אמת, וועט דאָך אין זייערע אויגן דער הימל פאַלן צו דער ערד. זיי וועלן פילן ז'האָבן נישט קיין היים. זיי וועלן אויפהערן זיך לערנען מיט התמדה, אָדער אין גאַנצן נישט וועלן זיך לערנען. האָט אייער פאַטערלעך האַרץ קיין געפיל נישט פאַר דעם?

— איך האָב יאָ, ראַביי מילשטיין. דערפאַר האָב איך צוגעשטימט צו בלענטשעס אָנבאָט אַז מיר זאָלן זיך פאַרטרויען אין אייך. איר זאָלט אַרויסטראָגן אַ משפט. איר זאָלט זאָגן וואָס מיר דאַרפן טאָן.

ביים ראַביי האָבן זיך צונויפגעשמעלערט די אויגן. ער זאָל משפטן? משפטן וואָס? וועמען? אויף וועמעס זייט זאָל ער זיך שטעלן? אויף דער זייט פון בלענטש? פון אירע קינדער? אויף דער זייט פון דעם טעמפּל־פּרעזידענט און זיין פאַרבינדונג מיט דער צווייטער פרוי?

אויפן שרייבטיש איז געלעגן אַ צאָל בייגעלעך פאַפּיר, אויף וועלכע ס'איז געווען אָנגעשריבן זיין שבת־דרשה וועגן דעם פאַרבאָט „לא תנאף" פון דער סדרה י ת ר ו, וואָס ער וועט מאָרגן אין טעמפּל דרשענען נאָך קריאַת התורה. לעבן דער דרשה האָט זיך געפונען אַ צאָל ספרים, אויך ענגלישע ביכער — קאָמענטאַרן אויף דער ביבל — וואָס ער האָט פריער אַרויסגענומען פון די שאַפעס, און אַריינגעקוקט אין זיי. אין די ספרים ווערן געגעבן אַ סך פירושים וועגן יעדן אָנזאָג אין די עשרת

הדיבורות; און אין די ענגלישע־ביבל־קאָמענטאַרן ווערט יעדער איינציקער געבאָט פון דעם דעקאַלאָג גרינטלעך אַנאַליזירט. אין אַלע, סיי אין די ספרים, סיי אין די ענגלישע קאָמענטאַרן, רעדט זיך וועגן מאָראַל; וועגן באַהערשן די שלעכטע אינסטינקטן אין זיך, וועגן דערשטיקן אין זיך דאָס בייז וואָס איז עלול חרוב צו מאַכן אַ משפּחה, אַ געמיינדע, אַ לאַנד, די גאַנצע וועלט. פון די אַלע אויספירן קאָן ער אָבער, דער ראַביי, קיין איינעם נישט אָנווענדן צו זיין פריינד, דעם טעמפּל־פּרעזידענט. דער פריינד מילטאָן איז זיך דאָך אָפן מודה דאָס ער ווייסט אַז ער מאַכט חרוב זיין הויז, אָבער ער קאָן זיך נישט העלפן. זיין ווילן איז ווי אונטער אַ היפּנאָז! ער האָט אַראָפּגענומען די הענט פון שרייבטיש און זיך אויסגעגלייכט אויפן שטול־ווענטל.

— קאָן איך האָבן אַ שמועס פּנים אל פּנים מיט איינעם פון אייך? — האָט ער קוק געטאָן אויף מילטאָן און בלענטש.

ביידע האָבן אַ שאָקל געטאָן מיט די קעפּ אויף יאָ.

— איז בלייבט איר דאָ, פריינדין בלענטש, און איר, פריינד מילטאָן, זייט אַזוי גוט און גייט אַרויס ביז כ'וועל אייך אַריינרופן.

מילטאָן האָט אויסגעפאָלגט. ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַרויס.

## 3.

עטלעכע מינוט נאָך מילטאָנס אַרויסגיין האָט דער ראַביי זיך אונטערגעהויבן פון דער שטול און זיך אַנטשולדיקט ביי דער פריינדין בלענטש:

— זייט מוחל. כ'וויל זען אייער מאַן אויף אַ ווײַלע.

ער איז אַרויס און האָט דערזען דעם טעמפּל־פּרעזידענט און די רביצין אין גאַסטצימער. זיי זענען געזעסן אויף דער סאָפע און האָבן געשמועסט.

— כ'וויל אייך עפּעס פרעגן, פריינד מילטאָן — איז ער, דער ראַביי, געבליבן שטיין ביי דער סאָפע און זיך געווענדט צו אים:

— אין מיין בייזיין? — האָט די רביצין רעבעקאַ זיך אַריינגעמישט.

— ס'מאַכט נישט — האָט מילטאָן אָפּגעהאַלטן די רביצין פון אַוועקגיין און זיך צוריק אויסגעדרייט צום ראַביי. — זי ווייסט סייווי אַלץ. זי האָט עס מיר נאָרוואָס געזאָגט.

— געוויינלעך — האָט דער רבי זיך מתנצל געווען פאַר מילטאָן — ווייסט זי גאָרנישט פון מיר ווען ס'האָט צו טאָן מיט אַנדערע לייט וואָס קומען נאָך מיין עצה. אָבער אַנדערש איז מיט אייך און אייער פרוי. איר און בלענטש זענט דאָך אונדזערע פריינד! מיין פרוי און איך ווילן זען דאָס בעסטע ביי אייך. לכן האָב איך איר דערפאַר מגלה־סוד געווען.

— נו, איז זאָל זי הערן, ראַביי, וואָס איר האָט מיך צו פרעגן.

דער ראַביי האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן, צונויפגעשמעלערט די אויגן און פאַמעלעך, מיט ציטערדיקע ליפּן, אַרויסגעבראַכט זיין רעיון:

— האָט איר בדעה אָפּצוגטן בלענטשן, אויב אויך זי איז ווייליק דערצו?

דער טעמפּל־פּרעזידענט איז געוואָרן טרויעריק־ערנסט. ער האָט געקוקט אויפן ראַביי מיט אומעט אין די אויגן און געדרייט מיטן קאָפּ:

— ניין. נישט צוליב איר און נישט צוליב די קינדער. זי איז מיר זייער נאָענט, און אויך די קינדער. דאָס הויז וואָלט געוואָרן וויסט ווען איך טו עס.

דער ראַביי איז געשטאַנען צעטומלט, עלעהיי ער וואָלט זיך געפונען אין אַ לאַנגל טונעל, ווו אַלע באַלייכטונגען זענען מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט מיט צונויפגעשמעלערטע אויגן געקוקט אויפן טעמפּל־פּרעזידענט און זייטיק אויך אויף דער רביצין. ווען ער איז איצט מיט רעבעקאַ צווישן פיר אויגן אין אַ באַזונדער צימער, וואָלט ער אָן שהיות באַגערט הערן איר עצה. דאָס איז אַן ענין פאַר וועלכן ער איז געבליבן שטיין ווי פאַר אַ הויכן באַרג — נישט אַרויפצוקלעטערן און נישט אַראָפּצוקריכן. און זי, די רביצין, מיט איר ווייבערישן חוש וואָלט אים, אָן ספק, געקאָנט העלפן אַרויסקומען פון דעם טונעל מיט די אויסגעלאָשענע באַלייכטונגען. מחוץ דעם איז זי אויך זייער אינטעליגענט. האָסט שוין געהערט אַזאַ טענה? — וואָלט ער זי

געפֿרעגט. דער טעמפּל־פּרעזידענט וויל, הייסט, זיין אי אין נאָענטער פֿאַרבינדונג מיט דער צוויטער פרוי, און אי נישט אָפּגעריסן פֿון זיין ווייב און קינדער. דאָס מיינט, ער וויל האָבן די פּריוואַטקייט צו זיין־דיקן און אין דער זעלבער צייט צו פֿילן זיך נישט שולדיק צו זיין פֿרוי בלענטש ווי איר מאַן און צו די קינדער ווי זייער פֿאָטער. ער וויל געניסן פֿון ביידע וועלטן. ס'איז אָבער געווען אוממעגלעך פֿאַר אים אָפּצוזונדערן זיך איצט מיט רעבעקאַ. ס'וואָלט געווען חשודיק פֿאַרן פּרעזידענט.

— נו, גוט — האָט ער אַרויפֿגעלייגט אויף מילטאָנס אַקסל אַ באַדאַנקענדיקע האַנט פֿאַר זיין תשובה און גלייך זיך פֿאַרנומען צוריק צום ביבליאָטעק־צימער.

צוריק געזעצט זיך אויף זיין שטול, האָט ער צונויפֿגעלייגט די האַנטפֿלאַכן אויפֿן שרייבטיש און געקוקט אין בלענטשעס פּנים.

זאָגט מיר, פֿריינדין בלענטש — האָט ער געמוטלט מיט באַזאָרגטקייט — וואָלט איר געווען ווילִיק אָפּצוגעטן מילטאָנען, ווען ער וואָלט עס באַגערט?

בלענטש איז געוואָרן פֿאַרפּלאָנטערט אין פּנים. די ליפּן האָבן גענומען פֿיבערן, און פֿון אירע אויגן האָבן אַרויסגעשפּיזט אַזעלכע בייזע בליקן, עלעהיי זי וואָלט באַגערט צו פֿאַרווונדיקן מיט זיי דעם ראַביי פֿאַר זיין בלויז פֿרעגן.

— ניין! — האָט זי אַ געשריי געטאָן.

— נישט צוליב די קינדער! צוליב מיר אַליין וואָלט איך אים גלייך אַצינד געלאָזט פֿריי, אויבוויל איך האָב אים נישט פֿיינט. איך האָב אָבער האָנער! ווען כ'זאָל אפֿילו זיין אויפֿן נידעריקסטן שטאַפּל פֿון אָרעמקייט, וואָלט איך נישט געגאַנגען בעטן ביי קיינעם קיין הילף. כ'האָב נישט ליב צו זיין אָנגעוויזן אויף קיינעם, ווען דאָס איז אפֿילו פֿאַרבונדן מיט פֿערזענלעכע ליידן און איינזאַמקייט. אָבער צוליב די קינדער וועל איך אים נישט אָפּבינדן פֿון מיר.

דעם ראַביי איז געוואָרן שווער אויפֿן געמיט. ער האָט געשטאַמלט:

— אָבער איר קאָנט דאָך נישט לעבן אין אַ צושטאַנד פֿון נישט אַהין און נישט אַהער. איר האָט דאָך דערפֿאַר געוואָלט האָבן דעם שמועס מיט מיר און הערן מיין עצה.

— יאָ — האָט בלענטש זיך באַרואיקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און כ'בין צופֿרידן אייך צו זאָגן — האָט דער ראַביי ממשיך געווען — דאָס אויך מילטאָן וויל נישט קיין גט.

בלענטש האָט צעפֿראַלט די אויגן פֿון איבעראַשטקייט און נישט געקאָנט עפֿענען דאָס מויל.

— ניין — האָט דער ראַביי פֿאָרגעזעצט. — כ'בין דערפֿאַר פֿריער אַרויס פֿון דאַנען צו הערן פֿון אים דעם גראַד פֿון זיין אויפֿריכטיקייט צו אייך און די קינדער.

דער ראַביי האָט איצט פֿאַר זיינע אויגן געזען אַן אויסוועג פֿון דעם מעמד. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיגמונד פֿרוידס באַשרייבן אָפּנייגן פֿון סעקס־מאָראַל אין זיין „טאָטעם און טאַבו"— טראַקטאַט; אויך אין שטודיעס פֿון קאַרל אַבראַהאַם, סאַנדאָר פֿערענטשי און אַנדערע נשמה־פֿאָרשערס, וואָס ער האָט געהאַט געלערנט אין אוניווערסיטעט; אויך אין אָפּהאַנדלונגען פֿון פּסיכאָ־אַנאַליטיקערס וועגן עמאָציעס, וואָס לעצטנס האָט ער דאָ אין פּראָמינענטע זשורנאַלן געלייענט; און אויפֿסניי גענומען קוקן אויף בלענטשן.

— ווען ס'קומט צו עמאָציעס, מיין טייערע בלענטש — האָט ער געמורמלט, אָטעמענדיק שווער — קאָן מען דאָס נישט עלימינירן פֿון דרויסן. און אַז מען פּרובירט עס טאָן, צי דורך צוואַנג, צי דורך וואָרנונגען, אָדער יורידישע מיטלען, מאַכט מען עס ערגער. מיין עצה איז, לכן, צו געבן מילטאָנען די מעגלעכקייט אָפּצוקילן זיינע שטאַרקע געפֿילן דורך אויסלעבן זיי מיט דער אַלמנה.

בלענטש האָט אין אויפֿברויז אים איבערגעשלאָגן אין די רייד:

— וואָס מיינט עס? איך זאָל צוקוקן און שוויגן?

דער ראַביי האָט פֿיינלעך און מיט מיטגעפֿיל געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— דאָס איז דער איינציקער פּסיכאָלאָגישער אויסוועג. זאָל ער דערווייל זינדיקן.

## 4.

נאָענט צו האַלבער נאַכט האָט בלענטש זיך צוריקגעקערט אַהיים מיט איר מאַן פון דעם ראַבייס הויז. דאָרט איז זי אין משך פון עטלעכע שעה געהאַט געזעסן מיט מילטאָן ביים טיש אין עסצימער און האָט געזופּט טיי, אָדער געדריבלט פון דעם כיבוד. די רביצין האָט זיך באַמיט מיט אַלע אירע כוחות אַריינצוברענגען אַ שלום צווישן איר, בלענטש, און מילטאָן נאָך דעם ראַבייס פּסק-דין. זי האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש שאַמפּאַניער, ליקער, אַלערליי געבעקסן און גערעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט — פּאָליטיק, טעאַטער, ליטעראַטור, קליידער-פאַסאָנען — אבי אָנצוהאַלטן אַן אויפגעהייטערטע שטימונג ביים טיש און באַווירקן זי, בלענטש, און מילטאָן צו באַטייליקן זיך אין שמועס. ביי מילטאָן האָט זי נישט געדאַרפט אַוועקלייגן קיין סך מי. ער איז געווען צופרידן פון דעם ראַבייס אויספיר און האָט זיך געפילט ביים טיש אין אַן אויפגעלייגט געמיט. זי, בלענטש, האָט זיך אָבער נישט געביטן. זי איז נישט געווען צופרידן מיטן ראַבייס משפט אין זיין ביבליאָטעק-צימער און איז געבליבן אַזוי ביים געגרייטן טיש. אפילו איצט, גייענדיק אין די פאַרשנייטע גאַסן פון דעם ראַבייס הויז צו איר אַהיים, איז זי אויך אין דעם זעלבן געדריקטן צושטאַנד.

אַריינגעקומען אין דער דירה האָבן זיי די קינדער שוין נישט געטראָפן. זיי זענען געשלאָפן. נישט רעדנדיק איינס צום צווייטן האָבן זיי, די טאַטע-מאַמע, זיך פאַרנומען צו זייער שלאָף-צימער און געגרייט זיך צו לייגן אין זייערע באַזונדערע בעטן. ער, מילטאָן, איז באַלד איינגעשלאָפן. אָבער זי, בלענטש, האָט נישט געקאָנט צומאַכן מיט קיין אויג. כמעט אַ גאַנצע נאַכט אַזוי. ס'האָט זי שטאַרק פאַרדראָסן אויפן ראַביי. וואָלט ער אויך אַרויסגעטראָגן אַזאַ פּסק פאַר איר טובה־וועגן, ווען זי לעבט מיט אַ צווייטן מאַן וואָלט מילטאָן זיך אונטערגעוואָרפן אַזאַ פסיכאָלאָגישן אויספיר: צו האָבן געדולד און וואַרטן ביז די עמאָציעס ביי איר, בלענטש, וועלן זיך אָפּקילן צום צווייטן מאַן און זי וועט זיך באַפרייען פון יענעם?

אין דער פרי האָט זי זיך שפּעט איבערגעוועקט. מילטאָן איז שוין לאַנג צוריק געהאַט אַוועק אין טעמפּל. מחמת אַן אַלטן איינפיר דאַרף דער פּרעזידענט קומען דאָרט פרי, אַזוי ווי דער ראַביי און דער חזן, און זיצן מיט זיי אויף דער בימה פון האַלב-שחרית ביז צום סוף פון מוסף. אויך זענען אידיט און דייוויד שוין געהאַט אַוועק צום דאַווענען.

געקומען אין טעמפּל אַריין האָט בלענטש געזען ווי דער ראַביי שטייט שוין ביים שטענדער און גרייט זיך צו געבן זיין דרשה. זי האָט זיך געזעצט אויף איר שטענדיקן פּלאַץ, וואָס איז אויף איינער פון די פאָדערשטע בענק מיט חשובע טעמפּל-מענער און פרויען, און גענומען זיך איינהערן אין דעם ראַבייס אַרויסגערעדטע מחשבות.

גערעדט האָט ער צוערשט וועגן משה רבנוס שווער, יתרו. אָבער דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, דער עיקר, אויף די עשרת הדיברות. ער האָט אויפגעוויזן פון ספרים, אויך פון ביבל-שטודיעס וואָס באַרימטע גויאישע געלערנטע האָבן פאַרעפנטלעכט במשך צענדליקער יאָרן, אַז מיט די געבאָטן טאָר מען נישט מאַכן קיין פשרות. דער מענטש מוז זיך צופּאַסן צו די געבאָטן און נישט דערוואַרטן דאָס פאַרקערטע — די געבאָטן צום מענטשס נייגונגען. למשל, דער אָנזאָג „לא תנאף”, נישט אַריינלאָזן זיך אין קיין מחזקות מיט אַנדערע פרויען אָדער מענער. דאָס טוט פאַרדאַרבן די הייליקע פאַרבינדונג פון חתונה-געהאַטע פאָרפעלקער. די פסיכאָלאָגישע דריידלעך, וואָס ווערן געניצט אין דער מאָדערנער וועלט, האָט ער געזאָגט, העלפן בלויז די מאָראַל-באָדנלאָזע און לייכטזיניקע פאַרגעניגן-זוכערס צו באַרעכטיקן זיך זייערע זינד. באשר דער מענטש — זאָגט די פסיכאָלאָגיע — טאָר נישט אונטערדריקן אין זיך זיינע תאוות. אויב יאָ, פאַרדאַרבט ער זיין נערוון-סיסטעם, וואָס איז גורם אַלערליי קרענק.

דער רבונו-של-עולם ווייסט אָבער בעסער, האָט ער, דער ראַביי מילשטיין אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין פויסט אין שטענדער. ביים באַשאַפן דעם מענטש האָט ער אים געגעבן גייסטיקן כוח צו קאָנען באַהערשן אין זיך זיינע שלעכטע נייגונגען.

און די פּרקי אָבות זאָגן עס אין אַ קורצער מימרא: איזהו גיבור? הכובש את יצרו! יאָ — האָט דער ראַביי אויפגעהויבן דעם ווייזפינגער אין דער לופטן, ווי אונטער־צושפּאָרן מיט אים זיין אויספיר — ווער עס שטאַרקט זיך איבער די פאַרפירערישע כוחות אין זיך, כוחות וואָס צערייסן חתונה געהאַטע פּאָרפעלקער, צעשטערן דעם רעספּעקט פון קינדער צו עלטערן און מינערן די התחייבות פון עלטערן צו קינ־דער, וואָס צוליב דעם יונגן עלטער פאַר־לירן זיי אָפט דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט איבער זייער צעבראָכענער היים. אַזאַ מענטש, נאָך אַ חשבון־הנפש, דערפילט זיך דערהויבן. ער האָט אַן אומענדלעך עקזאַלטירנדיקע הנאה פון זיין אינטעלי־גענץ. פון אַזאַ מענטשנס פּנים שיינט אַרויס גייסטיקע גבורה און איבערערדי־שע חכמה. ער רופט אַרויס דרך־ארץ צו זיך און קהל קוקט אַרויף צום אים.

אין בלענטשן האָט איצט געברענט אַ צאָרן קעגן דעם ראַביי. פאַרוואָס האָט ער נישט גערעדט אַזוי נעכטן אָוונט צו איר מאַן, נאָר פאַרגעלייגט ער זאָל דערווייל זינדיקן? זי האָט געפילט אויסצושרייען: „ליגנער! פאַרפירערישער פרידיקער! צוויי־פּנימדיקער וועגווייזער! פאַלשער פריינד!" צוליב דעם דעקאָרום אין טעמ־פּל האָט זי אָבער געשוויגן. און נישט בלויז איבער דער פאַרכטיקער שטילקייט. אויך צוליב איר אייגענער חשיבות האָט זי עס נישט געטאָן. אין טעמפּל איז זי שטאַרק פאַרערט. זי איז די פּרעזידענטין פון די טעמפּל־פרויען. אָפט גיט זי לעק־ציעס איבער ביכער וואָס זענען שטאַרק פּאָפּולער אין דער ענגליש־רעדנדיקער וועלט. זי לייגט אויף פאַר וועלכע טעאַ־טערס אירע טעמפּל־פרויען זאָלן גיין זען ווי אַ קאָלעקטיוו צוזאַמען מיט זייערע מענער. אָבער ווי נאָר דאָס דאַווענען האָט זיך פאַרענדיקט, און דער ראַביי, צוזאַמען מיטן חזן, איז אַראָפּ פון דער בימה צו וואַרטן אויף די צוקומענדיקע מתפּללים צו ביטן אים „גוט שבת", האָט זי זיך פאַרנומען צו אים און זייטיק, מיט גרימעניש, אים געפרעגט:

— ווען, ראַביי, זענט איר געווען גע־רעכט וואָס אָנבאַלאַנגט מיר און מיין מאַן? נעכטן אָוונט אין אייער ביבליאָטעק, אָדער פריער אויף דער בימה?

דער ראַביי איז נישט געווען איבער־ראַשט פון איר קריגערישער טענה. ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס ער הערט אַזעלכעס פון טעמפּל־לייט וואָס קומען צו אים מיט משפּחה־ריסן. זיי פרעגן: „פאַר־וואָס אַזאַ סתירה, ראַביי, צווישן אייערע אויספירן אין פּריוואַט און יענע אָנווייזונ־גען וואָס איר גיט אין אייערע דרשות אויף דער בימה?" און ער ענטפערט זיי. אויך איר, בלענטשן, האָט ער געוואָלט זאָגן: „מיין טייערע פריינדין, נעכטן אָוונט אין מיין ביבליאָטעק בין איך געווען דאָק־טער פון פּסיכאָלאָגיע, און היינט אויף דער בימה בין איך ראַביי און האָב גע־רעדט פאַר יידישקייט..." די צייט האָט אָבער נישט דערלויבט קיין לענגערע דערקלערונג. מענער און פרויען האָבן געהאַלטן אין איין דערנענען צו אים פון אַלע רייען בענק צו באַגריסן אים מיט „גוט שבת" און מיט לויב פאַר זיין דרשה. ער האָט בלויז אַ ברום געטאָן:

— פריינדין בלענטש, מיר'ן רעדן אַ צווייט מאָל.

בלענטש האָט נישט געוווּסט מיט וואָס ער קאָן זיך פאַרענטפערן ביי אַ „צווייט מאָל". אָן ספק מיט גאָרנישט. זי האָט אָבער נישט געקאָנט שטיין דאָ און אים מבייש זיין פאַרן עולם. זי איז אַוועק פון אים מיט כעס און איז אַרויס פון טעמפּל אַ טיף־צעבראָכענע.

5.

אין דרויסן, אויפן טראָטואַר, איז מיל־טאָן בערקאָוויץ געשטאַנען מיט די צוויי קינדער און האָט צוליב זיי געוואַרט צו גיין אַהיים צוזאַמען מיט בלענטשן.

— גוט שבת — האָט ער נישט געערן אַ פליסטער געטאָן צו דער פרוי, ווען זי האָט זיך באַוויזן פון טעמפּל. נאָכדעם האָט ער גענומען שטעלן טריט.

אידיט און דייוויד, אָנגעטאָן אין זשאַ־קעטן, אין געשטריקטע וואָלענע היטעלעך אויף די קעפּ, האָבן געביט דער מוטער „גוט שבת" און זיך געלאָזט פאָרויס פון זייערע טאַטע־מאַמע. די לופט איז געווען פרירנדיק־קאַלט און לויטער. דער שניי אויף די טראָטואַרן און אויפן אַספאַלטע־

נעם מיטלוועג — טרוקן און בלוילעך
גלאַנציק פון דעם קלאָרן בלויען הימל
וואָס האָט געגלימערט פון דער פאַר־
בלענדניקער זון. אַנדערע קינדער האָבן
קאַטאָוועסדיק געקאָפּעט דעם שניי מיט
די שפּיצן פון זייערע פוטערנע שטיוועֿ־
לעך און אויך זיך געגליטשט. אָבער
אידיט און דייוויד האָבן עס נישט נאָכגעֿ־
טאָן, כאָטש זיי האָבן געוויס געהאַט דעם
זעלבן באַגער ווי די אַנדערע קינדער. זיי
זענען געגאַנגען זייט ביי זייט, מיט אייגן־
ווערדע, ווי גוט־דערצויגענע פון אַ חשוב
הויז, אָבער ס'איז סיווי געווען קענטיק
אַז זיי זענען פאַרטרויערט, טיף־טיף דער־
שלאָגן. זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך און
האָבן צווישן זיך גערעדט עפּעס ערנסט,
ווי דערוואַקסענע ליידנדיקע מענטשן.

ביי אַנדערע געלעגנהייטן וואָלטן טאַטע־
מאַמע אָנגעקוואָלן פון זייערע קינדער
וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין גאַס אָנ־
שטענדיק. זיי האָבן אויסגעדריקט זייער
נחת איינס צום צווייטן. איצט זענען זיי
אָבער געגאַנגען שטום, ווי פרעמדע.

שטום־שווייגנדיק זענען זיי אויך אַריין
אין הויז. דאָס האָבן זיי אין שטומקייט
זיך פאַרקירעוועט אין באַזונדערע זייטן.
בלענטש איז אַריין אין שלאָפצימער. זי
האָט אַראָפּגענומען פון זיך די ווינטער־
העטשקעס, דעם קאַראַקולענעם מאַנטל,
אַריינגעהאָנגען אים אין דעם וואַנט־שאַנק
און אַ קוק געטאָן אין טואַלעט־שפּיגל,
וווּ זי האָט דערזען אַ פיינטלעך־ביטערן
אויסדרוק אויפן פּנים. ס'איז איר נישט
געווען צום האַרץ אַזאַ פאַרצאָגטקייט,
אָבער זי האָט נישט געקאָנט העלפן. זי
איז אַרויס פון דאַנען, פאַרנומען זיך צו
דער קיך אויף צוגרייטן דאָס שבתדיקע
מאָלצייט. אַלץ איז געווען פאַרטיק זינט
נעכטן. איצט האָט זי עס בלויז גדאַרפט
אָנוואַרעמען אויף די פייערקעס פון אויוון.
ס'האָט טאַקע נישט גדויערט לאַנג און
פון די געקעכצער האָט זיך אָנגעהויבן
שלענגלען אַ הייסע פּאַרע.

— אַלע צום טיש! — האָט זי שוואַכלעך
און מיט קלעמעניש אַרום דעם בוזעם
געלאָזט הערן איר קול צום הויזגעזינד,
זיי זאָלן אַריינקומען אין עסצימער.

די קינדער זענען שוין געהאַט געווען
אין זייערע באַזונדערע צימערן; און מיל־
טאָן, אָן דעם אויבער־מלבוש און קאַפּע־
ליוש, איז געזעסן אויף דער סאָפע אין
גאַסטצימער. ער האָט מיט באַטריבקייט
געלייענט אַן ענגלישע פרימאָרגן־צייטונג
וואָס ווערט אים צוגעשטעלט צו דער
הויז־טיר. אַלע האָבן זיך גערירט פון
זייערע ערטער און זיך פאַרקליבן צום
עס־טיש.

אויפן ווייס־באַדעקטן טיש זענען געווען
אָנגעשטעלט אַ סך געבלימלטע טעלערס,
קליינע און גרויסע. אייניקע מיט עט־
לעכע סאָרטן פלייש. אַנדערע מיט גרינ־
סן, מיט קאַשע, געפּרעגלטע מייערן, גע־
באַקענעם קאַרטאָפל־פּודינג, לאָקשן־קוגל
און מיט צעשניטענער חלה. אויך זענען
אויפן טיש געשטאַנען אַ צאָל פלעשער:
מיט ווייַן, עפּלזאַפט, דזשינדזשעראייל און
סעלצער. יעדער איז געזעסן ביי אַ באַ־
זונדערן ברעג־טיש: דייוויד קעגנאיבער
אידיטן, און מילטאָן אַנטקעגן בלענטשן.
אַלע האָבן געגעסן — און קיינער האָט
נישט גערעדט.

פון צייט צו צייט האָט דייוויד געקוקט
אויפן פאָטער, אויף דער מוטער, געוואָלט
עפּעס זאָגן, אָבער זיך מיישב געווען און
ווידער געגעסן. אַזוי אויך אידיט. בלענטש
האָט דאָס באַמערקט מיט אַ זייטיקן בליק.
זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און פאַר־
שטיקט אין זיך מיט ווייטאָג די קינדערס
נערוועזיטעט.

— פאַרוואָס איז אַזוי שטיל? — האָט
דייוויד מיט אַ מאָל אויפגעהערט עסן,
צוריקגעשאַרט פון איבער די אויגן אַ
פּאַסמע האָר, וואָס איז געהאַט אַראָפּגע־
פאַלן פון זיין שוואַרצער טשופרינע, און
געפרעגט די טאַטע־מאַמע. — איר רעדט
גאָרנישט.

מילטאָן האָט אויפגעהויבן די אויגן צו
אים פון טעלער, ווו ער האָט מיטן גאָפּל
אָנגענומען אַ שטיקל פון אַ היפשן ראָסט־
ביף, און געשמייכלט אונטער די וואָנצעס:

— איך עס דאָך... — האָט ער גערעדט
בלויז פאַר זיך און נישט פאַר בלענטשן.

— ביים עסן האָב איך נישט ליב צו רעדן.

— דו רעדסט דאָך אָבער אויך נישט
ווען דו עסט נישט. — האָט דייוויד נישט
גערן געהאַט וואָס דער פאָטער וויל אים
פאַררעדן די ציין. — האָסט אויך נישט

(המשך אויף זייט 29)

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניואיטי פאנד

## איר קענט האָבן

### אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן

### מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

**שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט**
**פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע :**

אברהם שפּיגעל, קאונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן : 655-8100

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

**MR. FRED KAHAN, Execuctive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name...........................................................................

Address.............. ...............................................................

City...................................................Zip Code...................

(המשך פון זייט 27)
גערעדט נעכטן אָוונט פאַרן עסן, ווען ביסט געקומען צו פאַרן פון איבערן לאַנד. ... אויך נישט נאָכן מאָלצייט... און אויך נישט היינט אויפן וועג אַהיים פון טעמפּל... כ'האָב זיך עטלעכע מאָל אויסגעדרייט צו זען ווען כ'בין געגאַנגען מיט אידיטן, און געזען...

— מ'האָט נישט וואָס צו רעדן...

האָט מילטאָן געשמייכלט און זיך געשטיקט מיטן שטיקל ראָסטביף וואָס איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

דייווידן האָט פאַרדראָסן אַזאַ ענטפער פון אַ דערוואַקסענעם מענטש און ער האָט געקוקט אויפן פאָטער מיט האַלב-צוגעמרוזשעטע אויגן:

מילטאָן האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען און געקוקט פאַרדראָסיק אויפן זון פאַר זיין חקירה ודרישה:

— וואָס איז דאָ איבערצוגעבן? אַלע שטעט אין לאַנד האָבן איין פּנים... און די געשעענישן זענען אומעטום די זעלבע.

דייוויד האָט איצט אַראָפּגענומען די אויגן פון פאָטער און געשוויגן, כאָטש ער האָט גאַנץ ווויל געוווסט אַז דער פאָטער וויל זיך אַרויסדרייען פון אַן ענטפער.

בלענטש האָט עס ווידער באַמערקט. זי האָט באַגערט ער זאָל מער נישט פרעגן, אפילו ווען זיינע רייד זענען איר געווען צום האַרץ.

— ווי איז דיר דערגאַנגען, דייוויד, אין דזשוניאָר קאָנגרעגיישאָן? — האָט זי געוואָלט אים אויפהייטערן און געפרעגט וועגן דעם וואָס איז אים שטאַרק נאָענט.

דער „דזשוניאָר קאָנגרעגיישאָן” איז אַ בית-מדרש פאַר יונגוואַרג וואָס לערנט אין דער ישיבה ביים טעמפּל. דייוויד איז דאָרט דער שטענדיקער בעל-קורא.

— גאַנץ גוט — האָט דייוויד נישט געקוקט אין דער מוטערס זייט און אַן חשק געדליבעט מיטן גאָפּל אין דעם שטיקל עוף וואָס איז געלעגן אין זיין טעלער.

— איז דאָס לייענען דורכגעגאַנגען גלאַטיק?

— יאָ.

— האָט דער ישיבה-מנהל גערעדט וועגן די צען געבאָט?

— יאָ.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— ווי פאַר יונגוואַרג... כ'וואָלט בעסער געוואָלט הערן דעם ראַבּיי מילשטיין. האָט ער גערעדט גוט?

— פרעג דיין טאַטן...

דייוויד האָט געקוקט אויפן פאָטער:

— וואָס האָט ער געזאָגט, דעד?

מילטאָן האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. ער האָט געשמייכלט און אויסגעמיטן אַ דירעקטן ענטפער:

— ס'איז געווען פאַר פאַרהייראַטע מענטשן.

— איז וואָס? — האָט דייוויד געקוקט מיט דורכשפּיזנדיקע אויגן. — טאָר איך נישט וויסן?

מילטאָן האָט זיך צעהוסט און ווידער אויסגעמיטן אַ גלייכע תשובה:

— ס'איז נישט פאַר יונגוואַרג פון דיין עלטער.

דייוויד האָט געוואָלט עפּעס זאָגן אויפן אָרט, אָבער זיין צען-יאָריק בלאָנד שוועסטערל, אידיט, האָט זיך געפּעדערט און איינגעשטעלט זיך פאַר אים.

— נישט וואָר, דעד! — האָט זי פּראָטעסטירט מיט אַ קוויטשענדיק קולכל. — דייוויד פאַרשטייט אַזוי ווי אַ גרויסער. אין ישיבה איז ער פון די בעסטע סטודענטן. און מיר זאָגט ער אויך אַ סך זאַכן וואָס איך האָב נישט געוווסט.

מילטאָן האָט זיך צעלאַכט פון דער „אַדוואָקאַטקע” און געקוקט אויף איר מיט נחת:

— אַוודאי איז דייוויד קלוג... אַביסעלע שוין צו-קלוג...

— נו, איז וואָס? — האָט אידיט נאָך אַלץ זיך איינגעשטעלט פאַר איר ברודער. — האָסט דאָך אַליין פיל מאָל געזאָגט אַז קינדער דאַרפן זיין קליגער פון זייערע עלטערן, און אויך מער געלערנט...

מילטאָן האָט זייטיק אַ קוק געטאָן אויף בלענטשן, וואָס איז געזעסן מיט אירע פאַרטרויערטע אויגן אַראָפּ, און זיך ווידער צעלאַכט:

— מ'וועט רעדן דערפון אַן אַנדער מאָל, דייוויד.

— ווען אַן אַנדער מאָל? — האָט אידיט ניש צו-רו געלאָזט דעם פאָטער. — דו ביסט דאָך שטענדיק אַוועק פון דער היים וועגן געשעפטן!

מילטאָן האָט זיך ווידער צעלאַכט פון דעם כוואַטסקן טעכטערלס מיילעכל, אָבער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט אַריינגעשטעקט דעם גאָפּל אין אַ קוואַדראַט פון דעם לאָקשן־קוגל, וואָס איז געלעגן צעשניטן אין פּירעקיקע שטיקלעך אויף אַ גרויסן טעלער, אַריינגעלייגט דאָס אין זיינעם, פאַרזוכט און שטאַרק הנאה געהאַט דערפון.

— ווען פאָרסטו ווידער אַוועק פון שטאָט וועגן ביזנעס? — האָט דייוויד אויפגעהערט עסן און געפרעגט דעם פאָטער.

— היינט אָוונט, גלייך נאָך שבת, אָדער מאָרגן?

מילטאָן האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון דעם לאָקשן־קוגל. ער האָט בכלל געהאַט אַ סך לויב פאַר בלענטשעס געקעכצער. אָבער מיט ספּעציעלער איבערגעגעבנקייט האָט ער אַרויסגעפילט בעתן עסן, האָט זי צוגעגרייט אַלץ לכבוד זיין קומען אַהיים אויף שבת. די דאָזיקע מידה פון אָפּגעבן אַ מאַן כבוד האָט זי צעגעזען אין דער היים פון אירע אָרטאָדאָקסישע עלטערן. און זי האָט נישט קיין חרטה געהאַט וואָס זי האָט עס איבערגענומען. אפילו נישט לעצטנס, כאָטש זי האָט אַ סך געליטן פון אים. דאָס איז געווען בולט פון דעם שיינעם מאָלצייט וואָס זי האָט צונויפגעשטעלט. דאָך האָט ער דאָס איר נישט געזאָגט. ס'איז אים געווען שווער. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן פון טעלער און געקוקט אויף דייווידן. ער האָט נישט געוואָלט לאָזן אים וואַרטן צו לאַנג אויף אַן ענטפער:

— נישט היינט אָוונט — האָט ער געזאָגט — און נישט מאָרגן.

— איבערמאָרגן? — האָט דייוויד ווידער געפרעגט. — כ'מיין, מאָנטיק?

— אויך נישט מאָנטיק — האָט מילטאָן געזאָגט.

— דינסטיק? מיטוואָך? דאָנערשטיק?

— אויך נישט דעמאָלט.

— קומענדיקע וואָך?

— אויך נישט.

— ווען דען?

— קיין מאָל נישט.

דייוויד איז איבערראַשט געוואָרן:

— קיין מאָל? וועסט ווידער אַ היים קומען יעדן טאָג גלייך פון געשעפט?

— יאָ.

דאָס טעכטערל אידיט, וואָס האָט אָנגעשפּיצטע אויערן געהאַט זיך צוגעהערט צום הין־און־צוריק געריד צווישן ברודער און דעם פאָטער, האָט איצט אויסגעשריען מיט איבערגענומענקייט און פרייד: — טאַקע?

מילטאָן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געברומט:

— האָסט שוין געזען מיך טאָן אַנדערש ווי כ'זאָג?

## 6.

נאָכן אָפּעסן זענען די קינדער, אויפגעלייגטע, אַריין אין זייערע באַזונדערע צימערן, און מילטאָן האָט זיך צוריקגעקערט צום גאַסטצימער. דאָ האָט ער זיך געזעצט אויף דער סאָפע און ווידער גענומען אַריינקוקן אין דער צייטונג.

— זאָג מיר, מילטאָן — האָט בלענטש זיך באַוויזן דאָ, נאָכן צעוואַשן דאָס געפעס און געקוקט אויף אים מיט אומגלויבן אין די אויגן — האָסטו געמיינט ערנסט מיט דיין ענטפער צו די קינדער?

מילטאָן האָט נישט אַרויסגענומען די אויגן פון דער צייטונג און געברומט: — יאָ.

ביי בלענטשן האָבן גענומען ציטערן די ליפּן און זי האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון איר מויל. זי האָט געקוקט מיט אַ פאַרווירטן בליק.

— צוליב וועמען טוסטו דאָס? — האָט זי געפרעגט: — צוליב דעם ראַביי מילשטיינס שטראָפרייד אויפן פּולפּיט?

— ניין — האָט ער ווידער געברומט אין דער צייטונג אַריין, אַנשטאָט קוקן אויף דער פרוי.

פאַרוואָס זאָל ער עס טאָן צוליב דעם ראַביי? — האָט ער געוואָלט פרעגן. — ער דאַרף אָנקומען צום ראַביי נאָך עצות אין אויפפירן זיך? אמת, ס'האָט אים וויי געטאָן וואָס דער ראַביי האָט געזאָגט אויף דער בימה, אָבער נישט צוליב די פלאַמפייערדיקע שטראָפרייד אין זיין דרשה. ס'האָט אים וויי געטאָן איבער דער אומפּילעוודיקייט וואָס דער ראַביי האָט בעת זיין רעדן אַרויסגעוויזן צו אים, מילטאָן, אַ לאַנגיאָריקן בוזעם־פריינד, דערצו אַ סענסיטיוון צום באַהאַנדלטן ענין. ער האָט אויפגעהערט אַריינקוקן אין דער צייטונג און אויפגעהויבן די אויגן צו בלענטשן.

— האָב איך דען ביז זיין דרשה נישט געוווּסט וועגן דעם וואָס ער האָט גערעדט? — האָט ער געפרעגט מיט חידוש וואָס זי ווייסט נישט.

יאָ, פאַר איר, בלענטשן, האָט ער נישט געדאַרפט אַנטפּלעקן אַז ער האָט געוווּסט. זי האָט געקענט זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע. אין דער פרומער היים, פון וואַנען ער שטאַמט, האָט מען שטענדיק גערעדט וועגן מאָראַל ווי דער יסוד פון שלום־בית. אין דער ישיבה, ווו ער האָט יונגערהייט געלערנט, האָט מען דאָך אַוודאי אָנגעוויזן אויפן דרך־הישר! און אפילו שפּעטער אין קאָלעדזש, ווו ער איז געוואָרן אַ היפּשער אפיקורוס, איז דאָס געוויסן אויך אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי דער רוקנביין פון דער הומאַניסטישער ליטעראַטור. און דערנאָך, ווען ער האָט חתונה געהאַט, געוואָרן דער פירער פון טעמפּל, האָט ער דאָך אָן ספק, געפילט וואָס אַ רעפּרעזאַנט פון אַ רעליגיעזער געמיינדע דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן! געזען אָבער אַז מיט זיין פרעגן האָט ער אויסגעדריקט צווייפל אין איר צוטרוי צו זיינע ידיעות און דער שטאַנדהאַפטיקייט פון זיין בילדונג, און אַז דערפאַר וויל ער מער זיך צערעדן, האָט זי נישט געוואָלט אַרויסברענגען אירע מחשבות און געשוויגן.

— דער ראַביי — איז ער אָנגעגאַנגען ווייטער מיט זיין דערקלערונג — האָט מיר היינט נישט געזאָגט קיין חידושים. ווי אַזוי אַ פאַרהייראַטער מאַן דאַרף זיין, דאָס האָב איך געוווּסט אָן אים. וואָס ס'איז יאָ געווען אַ חידוש פאַר מיר, איז זיין אומפאַרשעמטע דרייסטקייט. ווי האָט ער געקאָנט שטיין אויף דער בימה און אין מיין בייזיין רעדן מיט אַזאַ פייער קעגן פּסיכאָלאָגיע, קעגן איר אַנאַליטישן אויספיר? ערשט נעכטן אָוונט האָט ער דאָך דאָס אַרויסגעהויבן ווי דעם איינציק־ריכטיקן אויסוועג! איז ווי קאָן ער זיין אַ ראַביי ווען ער גלייבט נישט אין אונטערדריקן דעם מענטשס עמאָציעס? יאָ, איין גוטע זאַך וועט דערפון אַרויסקומען. מיט אַלע מיינע כוחות און מיין אָנזען ווי דער פּרעזידענט פון טעמפּל וועל איך זיך פון היינט אָן באַמיען אַז מ'זאָל אים, דעם היך־און־צוריק פריידיקער, באַזייטיקן פון דער שטעלע. ער מוז פאַרשווינדן פון מיינע אויגן.

— איך האָב דאָס זעלבע געפיל וועגן אים — האָט בלענטש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איז זאָלסטו ווי די פּרעזידענטין פון די טעמפּל־פרויען — האָט ער געזאָגט — אויך טאָן אויפקלער־אַרבעט צווישן זיי קעגן אים.

בלענטש האָט ווידער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, דאָס מאָל ווי אַן אָנדייט דאָס זי וועט עס נישט פאַרנאַכלעסיקן.

— אויב אַזוי — האָט זי אין צוגאָב געפרעגט — ד'מיין, אויב נישט איבער אים האָסטו ביי זיך באַשטימט ווידער צו קומען אַהיים יעדן טאָג, איז צוליב וועמען יאָ? צוליב די קינדער?

— אויך צוליב זיי — האָט ער געמורמלט. — כ'האָב באַמערקט ווי זיי הייבן אָן שטאַרק צו פאַרדעכטיקן מיך. זיי זען אַז עפּעס גייט־אָן צווישן אונדז ביידן. איבערהויפּט כאַפּט זיך דערויף דער עלטערער, דייוויד. האָסט פאַרשטאַנען זיינע כּ־אַגעס ביים טיש?

בלענטשן זענען געקומען טרערן אין די אויגן. זי האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט אַרויסברענגען אויף אירע ליפּן.

— אָבער אויך צוליב דיר... — האָט ער געפּליסטערט, נישט קוקנדיק אין איר זייט. — כ'האָב באַמערקט ווי פון דיר ווערט אַ חורבה. דיין פּנים... דיין געשטעל... אַלץ איז ביי דיר אין אַ קורצער צייט געוואָרן פאַרענדערט. און ד'ווייסט דאָך אַז איך וויל דאָס נישט זען ביי דיר... מיט אַלע מעלות, כ'מיין יענע, די אַלמנה, קאָן זי אפילו אויף אַ העלפט זיך נישט פאַרגלייכן מיט דיר — — — —

בלענטש האָט אַרויפגעטאָן די הענט אויפן פּנים, צעוויינט זיך, נאָכדעם אָפּגעווישט די טרערן און דערנענט צו מילטאָנען:

— קום צום טיש — האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן מיט איר פּנים צו זיינעם, פאַרנעצט זיינס אַ באַק מיט אירע ליפּן און געפּליסטערט: — דו האָסט לעצטנס געוויס נישט געטרונקען גענוג. אַז מ'טוט נישט אַכט געבן אויף דיר, פאַרלאָזסטו זיך. און דו מוזט טרינקען. דו ליידסט'אָך אַ ביסל אויף די נירן. קום. כ'וועל צו-

מאיר חרץ / ישראל

# צוויי לידער

## אויטאָביאָגראַפיש

גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט לעבן,
דאַרף מען אָפּקומען די שטראָף,
דאַרף מען אָפּקומען דאָס לעבן
ביזן סוף.

שטיי איך אויף פאַר טאָג, נאָך איידער
ס'האָט דער האָן אַ קריי געטאָן,
און איך לויף אַוועק אין חדר
און איך קום דער... לעצטער אָן.

אַ פאַרסאָפּעטער פון יאָגן
כ'האָב זיך קוים אַריינגעקוועטשט,
הער איך נישט דעם רבינס זאָגן
און איך כאַפּ די ערשטע פּעטש.

גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט לעבן
און קיין ברירה איז נישטאָ,
דאַרף מען אויסלעבן דאָס לעבן
ביזן דנאָ.

בין איך הויך, בין אויסגעוואַקסן,
באַלד דערגרייך איך ביזן סטויג,
מעסט דער דאָקטער מיר די אַקסל
און פאַרשרייבט: ער טויג!

שיקט מען מיך צו די סאָלדאַטן
מיט די אָפּגעגאָלטע קעפּ,
שילט מען מיך אין טאַטנס טאַטן
און איך כאַפּ די ערשטע קלעפּ.

גאָט האָט מיך געבענטשט מיט לעבן
איז ער גאַרנישט אַזוי זיס,
מוז מען נעמען עס דאָס לעבן
ווי עס איז.

נעם איך עס, ברי אָפּ די פינגער
ביי די לעכלעך פון קלאַרנעט,
זינג איך בעסער, ווער אַ זינגער
אַ פּאָעט.

זינג איך מיר אַ יידיש לידל,
זאָגט דער גוי, איך שילט אים גאָר
און פאַרשיקט מיך ווייט, צו אַל די
ווייסע יאָר.

גאָט האָט מיך געבענטשט מיט לעבן,
מיך געלאָזט אין וואַלד אַליין,
וויל איך נישט אַזאַ מין לעבן
עלנט ווי אַ שטיין.

רייס איך זיך אַרויס פון דאָרטן,
פונעם וויסטן ווילדן וואַלד,
קום איך אָן אין אייגענעם גאָרטן,
בין איך אַלט.

---

גרייטן ט. כ'האָב אויך שטרודל און אַנ־דער געבעקס וואָס ד'האָסט ליב. כ'האָב עס בעכטן געקויפט, ווי נאָר האָסט גע־האַט צוגעשטימט צו קומען אַהיים צו אַ־געגענען דעם ראַביי.

מילטאָן האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו איר, געקוקט אויף אירע בלויע אויגן, פון וועלכע ס'האָט אַרויסגעשטראַלט פרייד, כאָטש זיי זענען געווען שטאַרק פאַרטרערט. ער איז אויפגעשטאַנען מיט אַ שפּאָגל נייער פרישקייט אין זיינע אברים. ס'איז געווען אַזאַ פרישקייט וואָס ער האָט געשפּירט אין זיינע בחורישע יאָרן, ווען ער האָט זי באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל. ער האָט איר נאָכגעפאָלגט אין עסצימער אַריין מיט אַן אויפגעלייגט שווייגן, אָבער מיט דרך־ארץ צו איר פאַר נישט פאָרוואַרפן אים איצט זיינע שווערע זינד וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן איר און די קינדער. זי איז אַ ליידי — האָט ער זיך איבערגענומען מיט איר. — זי האָט אַ פאַרגעבנדיקע איידעלע נאַטור.